בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח

280

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע״י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# עֲנָתוֹ אֱמוּנָה


וָואס אִיז דֶער עִנְיָן זִיךְ מְקַשֵׁר צוּ זַיין צוּ צַדִיקִים בַּיים דַאוְונֶען? ..........................א
אִיךְ וִויל פָּשׁוּט זַיין אַ אִיד, וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ דֶעם?.................................ד


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ לֶערְנֶען סוֹפְרוּת, זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָפְּלָאזְן ......................א
פְּלֶענֶער אִיבֶּער דִי חֲנֻכַּת הַבַּיִת פַאר'ן נֵייעֶם בִּנְיָן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה...........................ב
נָאר מִיט אַחְדוּת צְווִישְׁן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין ........................ב
נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁווֶערֶע נִסְיוֹנוֹת..............ג
שַׁבָּת קֶען זַיין בַּיי אֵיינֶעם אַ גַן עֵדֶן אוּן בַּיים צְוֵוייטְן אַ גֵיהִנוֹם ...........................ג
דִי אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַתְמָדָה פוּן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט ..........................................ד
דֶער רֶבִּי הָאט מִיר אַזוֹיפִיל גֶעגֶעבְּן, אִיךְ בְּלַייב גֶעטְרֵיי צוּ אִים.....................ה
אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיךְ קֶען מַאכְן טְעוּתִים......................................ז
מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת חֶבְרָה הַצָלָה ...............................................ז
עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן, נָאר דָאס בִּיסְל לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען ................ח
מַאכְסְט חוֹזֶק פוּן אַ צְוֵוייטְן, אִין מַיין נָאמֶען?!.................................................י
שִׂמְחָה גֶעבְּט כֹּחַ פַאר'ן גוּף זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁלָאגְן מִיט אַלֶע מַחְלוֹת............... יא
זָאגְן מִיט סַבְלָנוּת נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פַאר דִי קִינְדֶער ........................ יא
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן נִישְׁט פָארְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן?..............................יב
דְרוּקְן נָאךְ "מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ" ...................................................יג
וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט זַיין מִיט אִים דִי קוּמֶענְדִיגֶע מִינוּט? ................ טז
מִיט וואוֹילֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע, וֶוערְן דִי קִינְדֶער נָאר בֶּעסֶער ....................... יז

אַ פְּרָאגְרַאם פַּאר קִינְדֶער, דַארְף גֶעטוּן וֶוערְן רִיכְטִיג ......... יח
לוֹינְט זִיךְ צוּ גֵיין אוֹיף וַואקַאצְיֶע? ......... יט
אַז מֶען פַארְפַּאסְט אַ שִׁיעוּר, קֶען מֶען הֶערְן דִי קוּמֶענְדִיגֶע שִׁיעוּר ......... כ
הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט זַיין אַ מְלַמֵד ......... כא
שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג ......... כו
לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בְּגִירְסָא ......... כז
מֶען מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה ......... כח
נֶעמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אַ פּוּשְׁקֶע פוּן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ ......... כט
אָנְטוּן אַ טִיכְל נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִיקִים ......... ל
עֶנְדֶערְשׁ גֵיין הֲפָּצָה, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען גְמָרָא? ......... לא
מִקְוֶה וֶועט דִיךְ אוֹיסְהֵיילְן ......... לא
זֵייעֶר גוּט אַז אִיר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט הֶערְן דִי נֵייעֶס ......... לג
עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן אִין שְׁטוּבּ אַנְדֶערְשׁ וִוי אִין מוֹסָד ......... לג
אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְהֶערְן לָשׁוֹן הָרָע, וֶועסְט אַרוֹיסְפַאלְן פוּן גַן עֵדֶן ......... לד
וֶוען דֶער זֵיידֶע שְׁרֵייט אָן ......... לו
דִי צַייט נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט אִין לֶעבְּן ......... לו
עֶקְסֶערְסַייז קֶען מֶען נָאר טוּן צְנִיעוּת'דִיגֶערְהֵייט ......... לח
מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחֲלוֹקֶת וֶועגְן חֲנוּכָּה מַתָּנוֹת ......... לט


דער קונטרס די וואך איז לרפואת האישה
החשובה מרת העניא בת ראכיל
לרפואה שלימה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס אִיז דֶער עִנְיָן זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ זַיין צוּ צַדִּיקִים בַּיים דַאוֶועןֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן פְּשַׁט אִין דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז בַּיים דַאוֶוענֶען דַארְף מֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ צַדִּיקִים, וָואס מֵיינְט דָאס און ווי אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס? און וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם נוּסָח וָואס בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים זָאגְן פַארְ'ן דַאוֶוענֶען "הֲרֵינוּ מְקַשֵּׁר"?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רצו): "בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, צְרִיכִין לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר", מֶען דַארְף זִיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען צוּבִּינְדְן צוּ דִי צַדִּיקֵי הַדּוֹר, "כַּמּוּבָא בְּסִימָן ב' וּבְסִימָן ט' בְּ'לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' חֵלֶק רִאשׁוֹן וּבִשְׁאָר מְקוֹמוֹת. עַל כֵּן הִזְהִיר לַאֲנָשָׁיו", דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט, "שֶׁיֹּאמְרוּ קֹדֶם הַתְּפִלָּה", מִיר זָאלְן זָאגְן פַארְ'ן דַאוֶוענֶען: "הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי לְכָל הַצַּדִּיקִים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ".

אַבִּיסְל דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן, וֶועלְן מִיר אַרַיינְקוּקְן אִין רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, זֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ב׳, אוֹת ו׳): **וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְכַוֵּן בִּתְפִלָּתוֹ** יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף אִינְזִין הָאבְּן בַּיים דַאוֶונֶען, **שֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר** זִיךְ צוּצוּבִּינְדְן צוּ דִי צַדִּיקִים פוּנֶעם דוֹר; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ צַדִּיק אוּן אִים פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט. אַזוֹי וִוי מֶען בִּינְדְט צוּזַאם צְוֵויי זַאכְן אוּן עֶס וֶוערְט אֵיינְס, אַזוֹי דַארְף מֶען זַיין אֵיינְס מִיטְן צַדִּיק, אוּן אַז מֶען אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּם צַדִּיק אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **כִּי כָּל צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר** וַוייל דֶער צַדִּיק פוּנֶעם דוֹר, **הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה, מָשִׁיחַ** אִיז אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַזוֹי וִוי מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ; מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעטוּן נָאר אֵיין זַאךְ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט טוּן נָאר דִי אֵיין זַאךְ: ׳אַרַיינְשַׁיינֶען אִין יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן אִיד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים׳, מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַ לוֹיטֶערְקֵייט, יֶעדֶער וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶער וֶועט דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס טוּעֶן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר, זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ דִי זַאךְ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן דִי זַאךְ פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן מֶען זָאל לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין צִיל אִין לֶעבְּן, נָאר זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ** אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען, **שֶׁהַצַּדִּיקִים קוֹרִין זֶה לָזֶה מֹשֶׁה** אַז צַדִּיקִים וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען ׳מֹשֶׁה׳, כְּמוֹ אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין שַׁ״ס (שַׁבָּת, סוּכָּה, בֵּיצָה אוּן חוּלִּין) וֶוען דֶער תַּנָּא אָדֶער אָמוֹרָא רֶעדְט צוּ זַיין חָבֵר רוּפְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן: **מֹשֶׁה שַׁפִּיר קָאֲמַרְתְּ** מֹשֶׁה, גוּט הָאסְטוּ גֶעזָאגְט; **וּמֹשֶׁה זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ** אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיינְס אִיז מָשִׁיחַ, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מט, י): **״עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה״** בִּיז ווִילַאנְג מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, ׳שִׁילֹה׳ אִיז ׳מָשִׁיחַ׳, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט: **דָּא מֹשֶׁה** מָשִׁיחַ דָאס מֵיינְט מֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס עֶר אִיז מָשִׁיחַ; שִׁילֹה בַּאטְרֶעפְט דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִינְף אוּן פֶערְצִיג, אוּן מָשִׁיחַ בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע.

יֶעצְט גֶעבְּט דֶער רֶבִּי צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס מֶען דַארְף זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין

צוּם צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר וֶוען מֶען גֵייט דַאוֶונֶען. וְכָל תְּפִילָּה וּתְפִילָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל אוּן יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען דַאוֶונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הוּא בִּבְחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה אִיז נָאךְ אַ שְׁטִיק פוּן דִי שְׁכִינָה, וַוייל וֶוען מֶען דַאוֶונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - מַאכְט מֶען רוֹעֶן דִי שְׁכִינָה; 'פוּן וֶועם בֶּעט אִיךְ? אוּן צוּ וֶועם רֶעד אִיךְ? צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!' קוּמְט אוֹיס, וֶוען מֶען דַאוֶונְט, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ אוּן נָאךְ שְׁכִינָה, שֶׁהֵם אֵיבְרֵי הַמִּשְׁכָּן דָאס זֶענֶען חֲלָקִים פוּנֶעם מִשְׁכָּן.

וַוייל דִי דְרֵיי זַאכְן: דַאוֶונֶען, שְׁכִינָה אוּן מִשְׁכָּן - זֶענֶען אֵיין זַאךְ; וֶוען מֶען דַאוֶונְט, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - מַאכְט מֶען אַ לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען מַאכְט רוֹעֶן דִי שְׁכִינָה וָואס דָאס אִיז דִי מִשְׁכָּן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא פְּקוּדֵי, ג): 'הַמִּשְׁכָּן מֵעִיד' דִי מַשְׁכּוֹן אִיז עֵדוּת, 'שֶׁהַשְּׁכִינָה בְּיִשְׂרָאֵל' אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט בַּיי אִידְן. אוּן אַזוֹי וִוי דֶער מִשְׁכָּן וֶוערְט גֶעבּוֹיט פוּן אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ, בְּרֶעטֶער, שְׁטַאנְגֶען, זוֹילְן, שְׁוֶועלְן וְכוּ', אוֹיךְ אִיז דֶער מִשְׁכָּן גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן מִיט הֶעקֶעלֶעךְ אוּן פָּארְהֶענְג, נֶעגְל אוּן שְׁטְרִיק, אוּן אוֹיךְ אַלֶע כֵּלִים, דִי מְנוֹרָה, דִי טִישׁ, דִי אָרוֹן - אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דִי תְּפִילּוֹת וָואס אַלֶע אִידְן דַאוֶונֶען, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס דַאוֶונְט מַאכְט נָאךְ אַ שְׁטִיקְל פַארְן מִשְׁכָּן; אֵיינֶער מַאכְט מִיט זַיינֶע תְּפִילּוֹת דִי בְּרֶעטֶער, אַ צְוֵוייטֶער מַאכְט מִיט דִי תְּפִילּוֹת דִי שְׁוֶועלְן, בִּיז עֶס וֶוערְט אַ מִשְׁכָּן, וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר מַאכְט רוֹעֶן דִי שְׁכִינָה, אוּן פוּן אַלֶע תְּפִילּוֹת וֶוערְט לִיכְטִיג, מֶען מַאכְט רוֹעֶן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

שֶׁאֵין שׁוּם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל אוּן אַז מֶען נֶעמְט צַאם אִינְאֵיינֶעם אַלֶע תְּפִילּוֹת פוּן אַלֶע אִידְן - אִיז נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס קֶען - לְאַעֲלָא שַׁיְפָא בְּשַׁיְפָא כָּל חַד לְדוּכְתֵּיהּ צַאמְנֶעמֶען יֶעדְן אֵיינֶעמְס תְּפִלָּה, אֶלָּא מֹשֶׁה בִּלְחוּד נָאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. בִּשְׁבִיל זֶה דֶערִיבֶּער, צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר כָּל הַתְּפִילּוֹת לְצַדִּיק הַדּוֹר דַארְף מֶען זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּם צַדִּיק הַדּוֹר, וָואס עֶר טְרָאגְט אַרוֹיף אַלֶע תְּפִילּוֹת פוּן אַלֶע אִידְן אוּן מַאכְט פוּן דֶעם אַ קְרוֹין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת לט, לג): "וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה" זֵיי

**הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי מִשְׁכָּן צוּ מֹשֶׁה, וְהוּא יוֹדֵעַ לְאַעֲלָא שַׁיְּפָא בְּשַׁיְּפָא וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֵוייסְט ווִי אַזוֹי מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיף אִינְאֵיינֶעם אַלֶע שְׁטִיקְלֶעךְ מִשְׁכָּן, וְלַעֲשׂוֹת אוֹתָהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה אוּן דָאס מַאכְן פַּאר אֵיין גְרוֹיסֶער גֶעשְׁטֶעל, אַזוֹי אוֹיךְ נֶעמְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֶע תְּפִילוֹת פוּן אַלֶע אִידְן אוּן מַאכְט פוּן דֶעם שֵׁיינֶע קְרוֹינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט** (שָׁם מ, יח): **"וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן" מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי מִשְׁכָּן; נָאר דֶער צַדִיק, עֶר קֶען אוֹיפְהֵייבְן אַלֶע תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן דָאס אַרוֹיפְטְרָאגְן צוּם רִיכְטִיגְן פְּלַאץ.**

**דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אֵיידֶער מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען זָאל מֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ דִי צַדִיקֵי הַדוֹר. דָאס אִיז דִי נוּסָח וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן אֵיידֶער מֶען דַאוֶוענְט אָדֶער מֶען טוּט אַ מִצְוָה:**

**"הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בִּתְפִלָּתִי לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ, צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם, נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ".**

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הָעוֹשֶׂה שָׁלִיחַ לִגְבּוֹת אֶת חוֹבוֹ הֲלָכָה ב, אוֹת ד) מֶען זָאל זִיךְ אוֹיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּם צַדִיק פַאר מֶען טוּט אַ מִצְוָה, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ ווִיל פָּשׁוּט זַיין אַ אִיד, ווִי אַזוֹי בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ דֶעם?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו אוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶ גִלְיוֹנוֹת, עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזוּק.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּן אַן עֵצָה, אִיךְ בִּין אַ נַיינְצְן יֶערִיגֶער

בָּחוּר, אִיךְ לֶערְן אִין אַ גוּטֶע לִיטְוִוישֶׁע יְשִׁיבָה, אָבֶער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרֵיינְפַאלְן אִינֶעם נֶעץ פוּן יֵצֶר הָרַע, אִיךְ פַאל אַרַיין אִין פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט קְדוּשָׁה נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל. אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ וִויל פָּשׁוּט זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם?

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ הָאבְּן נָאר עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, אַז דוּ הֶערְסְט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה - זָאלְסְטוּ אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם שְׁמוּעֶס; נֶעם זִיךְ חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן אֵיידְל, וָואס רֶעדְן רֵיין.

וַוארְף אַוֶועק אַלֶע כֵּלִים וָואס מֶען קֶען קוּקְן אוֹיף דֶעם מָאוִויס, אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע בִּילְדֶער און קְלִיפְּס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז.): "אָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, אֲפִלּוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ, כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סָאָה מִיַּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה", אַז מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה וֶוערְט מֶען רֵיין נָאר אוֹיבּ מֶען וַוארְפְט אַוֶועק דִי טוֹיטֶע שֶׁרֶץ, וַוייל אוֹיבּ מֶען כַאפְּט וַוייטֶער אָן דִי טוֹיטֶע שֶׁרֶץ, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין אַלֶע מִקְוֶה'ס פוּן דִי וֶועלְט - וֶועט עֶר בְּלַייבְּן טָמֵא; אַז מֶען ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן - אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אָפְּלָאזְן דִי טוֹיטֶע שְׁרָצִים, דִי כֵּלִים וָואס בְּרֶענְגְט טוֹיט. מוֹהֲרָא"שׁ בַּאטִיטְלְט דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער, מַחְשֵׁב - מִיטְ'ן טִיטְל 'מְכַשֵּׁף'; דֶער קָאמְפְּיוּטֶער - אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט מְסֻנָּן, גֶעפִילְטֶערְט - בְּרֶענְגְט דָאס כִּישׁוּף, עֶס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. הוֹיבּ אָן אָנְהוֹיבּ סֵדֶר זְרָעִים, מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. אַז דוּ קֶענְסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים יֶעדְן טָאג - מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים, דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיינֶע בְּלָאטֶעס, מִשְׁנַיּוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְלֶעקְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תַּלְמוּד בַּבְלִי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן ריד): "׳תַּלְמוּד׳ בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ ׳לִילִית׳", ׳תַּלְמוּד׳ בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְש זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, "עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה.

אַוַדַּאי וֶועט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם דִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אָפְּלָאזְן, עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיף, אוֹיף זַיינְס אַ קָרְבַּן; עֶר וֶועט דִיךְ נָאכְלוֹיפְן, עֶר וֶועט דִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפְּוַוארְפְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי זַאכְן וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

גֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אִין עֶנְגְלִישׁ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן. רֶעד אִין עֶנְגְלִישׁ, זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ אוּן יֶעדֶע מָאל פַאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, דוּ טוּסְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. וֵויין צוּ אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן - וֶועסְטוּ זִיךְ רֵיינְוַואשְׁן, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ לֶערְנֶען סוֹפְרוֹת, זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָפְּלָאזְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ט תִּשְׁרֵי, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, תשפ״ג

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער אֵיידֶעם הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים. יֶעצְט אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט אִין לֶעבְּן, יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶוען דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט קַיין טִרְדוֹת הַפַּרְנָסָה, אוּן דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ וָואס הִיט דִיךְ – קֶענְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

זֶע צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פַּארְטָאגְס, לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים פַּארְטָאגְס; מִשְׁנַיוֹת אוּן אַסַאךְ גְמָרָא, אוֹיךְ מֶדְרָשׁ וְזוֹהַר, אוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ לֶערְנֶען סוֹפְרוֹת – זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָפְּלָאזְן, נָאר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין; מִיר דַארְפְן אִין דִי קְהִילָה אַסַאךְ סוֹפְרִים.

אוֹיבּ קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן דוּרְכְן טָאג מִיט דִי בָּחוּרִים, זֵיי מְחַזֵק זַיין, זֵיי זָאלְן קוּמֶען צַייטְלִיךְ אוּן זַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק.

פוּן דַיין שְׁוֶוער, דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**פְּלֶענֶער אִיבֶּער דִי חֲנֻכַּת הַבַּיִת פַאר'ן נֵייעֶם בִּנְיַן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער נֵייעֶר בִּנְיָן פַאר דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין שְׁטֶעטְל וֶוערְט שׁוֹין פֶערְטִיג דִי וָואךְ, אוּן עֶס זֶעט אוֹיס אַז קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועט מֶען שׁוֹין קֶענֶען זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן.

ווִיל אִיךְ דִיךְ פְרֶעגְן וֶוען דוּ ווִילְסְט מַאכְן דִי קְבִיעוּת מְזוּזָה אוּן חֲנֻכַּת הַבַּיִת; אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט וַוארְטְן אוֹיף חֲנוּכָּה, וַוייל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם שַׁבָּת חֲנוּכָּה וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל, אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועט זַיין מְלַוֶּה מַלְכָּה אוּן סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל, אוּן דֶעמָאלְט מַאכְן דִי חֲנֻכַּת הַבַּיִת אוּן קְבִיעוּת מְזוּזָה? אָדֶער ווִילְסְטוּ עֶס שׁוֹין מַאכְן? אָדֶער ווִילְסְטוּ מַאכְן אַ קְלֵיינֶע פַארְבְּרֶענְג פַאר דִי נַדְבָנִים?

לָאז מִיר ווִיסְן וָואס דִי פְּלֶענֶער זֶענֶען.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ שׁוֹין בֶּעסֶער. אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶעם זְמַן אִין יְשִׁיבָה; עֶס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען נֵייעֶ בָּחוּרִים, זֵייעֶר טַייעֶרֶע בָּחוּרִים. מֶען זִיצְט אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), יֶעדֶער זַיינֶע שִׁיעוּרִים.

...

**נָאר מִיט אַחְדוּת צְווִישְׁן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחִיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַרְבֶּעטְן אִין אָפִיס אַזוֹי גֶעטְרֵיי, אִיךְ הַאלְט מִיט אַלֶעס וָואס אִיר טוּט אִין וָואס אַלֶע אַנְדֶערֶע סֶעקְרֶיטֶערִיס טוּעֶן, אוּן אִיךְ בִּין עֶנְק אַלֶע זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַאר עֶנְקֶער הַצְלָחָה אוּן פַאר עֶנְקֶערֶע דוֹרוֹת.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע דַאנְק פַאר דִי אַחְדוּת וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן עֶנְק, דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ; נָאר מִיט אַחְדוּת צְוִוישְׁן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

אִיךְ וִויל בֶּעטְן אַז דִי אָפִיס זָאל בַּאצָאלְן דִי קָאסְטְן פוּן דִי מִקְוֶה טָהֳרָה; דִי לֶעקְטֶער וְכַדוֹמֶה.

וּבְנוֹגֵעַ דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳; מַאכְט אַייךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת, אַלֶע וָואס טוּעֶן גוּטְס – הָאבְּן דִי בִּלְבּוּלִים, מֶען טְרַאכְט: ׳וָואס טוּ אִיךְ שׁוֹין? וָואס בִּין אִיךְ שׁוֹין?׳ לָאזְט לוֹיפְן דִי מַחֲשָׁבוֹת אוּן טוּט וַוייטֶער אַייעֶר אַרְבֶּעט גֶעטְרֵיי.

...

## נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי גְמָרָא – זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; גְמָרָא אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ.

נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה – קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – וֶוערְט מֶען אֱמֶת׳דִיג פְרֵיילִיךְ.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## שַׁבָּת קֶען זַיין בַּיי אֵיינֶעם אַ גַּן עֵדֶן אוּן בַּיים צְוֵוייטְן אַ גֵיהִנּוֹם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים ח:): ״אֵין גֵיהִנּוֹם לְעוֹלָם הַבָּא״, נִישְׁטָא קַיין גֵיהִנּוֹם לְעוֹלָם הַבָּא, ״אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹצִיא חַמָּה מִנַּרְתִּיקָהּ״,

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי זוּן פוּן אִיר הַאלְטֶער, "צַדִּיקִים מִתְרַפְּאִין בָּהּ", צַדִּיקִים וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן, "וּרְשָׁעִים נִדּוֹנִים בָּהּ", אוּן דִי רְשָׁעִים וֶועלְן פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן מִיט דֶעם.

מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט, "שַׁבָּת" אִיז "מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא", אוּן דִי זוּן מֵיינְט מֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זֶעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א): "בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ", וְכוּ', "בְּחִינַת 'וְאֹרַח צַדִּיקִים'", וְכוּ'.

שַׁבָּת קֶען זַיין פַאר אֵיינֶעם אַ גַן עֵדֶן, מֶען זִיצְט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט לְכָבוֹד שַׁבָּת, מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת, מֶען רֶעדְט פוּן דִי פַּרְשָׁה, פוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה וֶאֱמוּנָה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; עֶס אִיז מַמָּשׁ מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא.

ווִידֶער בַּיי רְשָׁעִים אִיז שַׁבָּת מַמָּשׁ אַ גֵיהִנוֹם, מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען רֶעגְט זִיךְ, מֶען צִינְדְט אָן דִי פֵייעֶר פוּן גֵיהִנוֹם, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקּוּן מח, דַּף פה.): "כָּל מָאן דְּכָעִיס כְּאִלּוּ אוֹקִיד נוּרָא דְגֵיהִנָּם", וֶוער עֶס קְרִיגְט זִיךְ שַׁבָּת אוּן כַּעֲסְ'ט זִיךְ - צִינְדְט אָן דִי גֵיהִנוֹם.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מִיט אֱמוּנַת צַדִּיקִים, עֶר וַוארְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוֹיף שַׁבָּת, אוּן לֶעבְּט אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיטְ'ן שַׁבָּת. דֶער אִיז זוֹכֶה, עֶס שַׁיינְט אִים דֶער זוּן וָואס וֶועט שַׁיינֶען לֶעָתִיד לָבוֹא פַאר דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מַלְאָכִי ג, כ): "וְזָרְחָה לָכֶם יִרְאֵי שְׁמִי וגו'", וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

### דִי אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַתְמָדָה פוּן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ קוּם יֶעצְט פוּן שְׁטֶעטְל, אִיךְ בִּין גֶעוֶועןן אוֹיף אַ בַּאזוּךְ אִינֶעם כּוֹלֵל; אִיךְ בִּין שְׁטִימְלָאז, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער...

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס דָארְט טוּט זִיךְ; זִיצְן טַייעֶרע אֵיידֶעלֶע אִינְגֶעלַייט אוּן לֶערְנֶען מִיט אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַתְמָדָה, זֵיי לֶערְנֶען אוּן קֶענֶען זֵייעֶר גוּט.

אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען מִיט הָאַבְרֵךְ יִצְחָק אַיְיזִיק רָאטֶה, עֶר הָאט מִיךְ גֶעדְרֵייוְוט. אוֹיפְ׳ן וֶועג פְּרֶעגְט עֶר מִיךְ אַ שְׁאֵלָה אִין הִלְכוֹת שַׁבָּת. הֱיוֹת עֶר אִיז אַ סֶעילְסְמַאן פַאר אַ טְרָאקִינְג קָאמְפָּאנִי, אוּן אַסַאךְ מָאל בַּאשְׁטֶעלְן מֶענְטְשְׁן אַ טְרָאק זָאל קוּמֶען שַׁבָּת אָפְּנֶעמֶען, אָדֶער שַׁבָּת דַארְף עֶס אָנְקוּמֶען.

זָאג אִיךְ אִים, זֵייעֶר גוּט, יֶעצְט לֶערְנֶען אוּנְזֶערֶע אִינְגֶעלַייט הִלְכוֹת שַׁבָּת, שְׂכִירוּת וְקַבְּלָנוּת; מִיר וֶועלְן דָאס פְּרֶעגְן דִי אִינְגֶעלַייט. פְּרֶעג אִים, עֶר וֶועט דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן; אַלֶע אִינְגֶעלַייט, אִינְאֵיינֶעם מִיטְ׳ן דַיָּין שְׁלִיטָ״א - דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנָה׳עֶן אוּן זִיךְ מְפַלְפֵּל זַיין. אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט אַלְס אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן חִידוּשִׁים אוֹיף אַלֶע קוּנְטְרֵס אַחֲרוֹן׳ס.

אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן דָארְט אוּן גֶעקְוֶועלְט פוּן נַחַת; אִיךְ הָאבּ אַזַא נַחַת פוּן זֵיי, זֵיי גֶעבְּן מִיר פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת. אִיךְ זָאג דִיר מִיט אַן אֱמֶת, יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז אַ בְּרִילְיַאנְט אוּן עֶס וֶועט זַיין פוּן זֵיי שֵׁיינֶע זַאכְן.

בִּיטֶע נֶעם צַאם גֶעלְט פַאר זֵיי, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַזוֹי זֵיי צוּ גֶעבְּן נָאר טוֹיזְנְט דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, אִיךְ ווִיל זֵיי גֶעבְּן נָאךְ מֶער, אִיךְ דַארְף אָבֶער דַיין הִילְף.

...

דֶער רֶבִּי הָאט מִיר אַזוֹיפִיל גֶעגֶעבְּן, אִיךְ בְּלַייבּ גֶעטְרֵיי צוּ אִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן שְׁטַארְקְט אַייעֶר מַאן עֶר זָאל וַוייטֶער זַיין גַּבַּאי, אַז מֶען גֶעדֶענְקְט פַאר וֶועם מֶען אַרְבֶּעט אוּן וֶועמֶענְס גַבַּאי מֶען אִיז - אִיז אַלֶעס

אַנְדֶערְשׁ. אַז מֶען וֵוייסְט 'אִיךְ בִּין אַ מְשַׁמֵּשׁ פַּארְ'ן רֶבִּי'ן, אַ גַּבְּאַי אִין רֶבִּינְ'ס שׁוּל' – אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער.

אוּן אַז אִיר פְּלָאגְט זִיךְ אַזוֹי פַּארְ'ן שׁוּל, אוּן וֶוען אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל צֶעלוֹיפְן זִיךְ דִי מִתְפַּלְלִים, זֵיי לוֹיפְן מִיךְ נָאךְ, אִיר שְׁפִּירְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט; זָאלְט אִיר זִיךְ גֶעבְן אַ דֶערְמַאן: 'וָואס הָאט מִיךְ דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְן? אִיךְ הָאב דָאךְ בַּאקוּמֶען לֶעבְן'; דֶעמָאלְט אִיז גְרִינְגֶער צוּ בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי.

וָואס טְרַאכְט אִיר, מִיר אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער? אִיךְ בִּין עֶפֶּעס אַ מַלְאָךְ? אוֹי אִיז מִיר שְׁוֶוער, אָבֶער וֶוען אִיךְ גֶעב אַ טְרַאכְט: 'וָואס הָאב אִיךְ בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן? וָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעטוּן מִיט מִיר? אִיךְ הָאב דָאךְ בַּאקוּמֶען לֶעבְן' – וֶוערְט מִיר אַזוֹי גוּט, אוּן אִיךְ זָאג צוּ מִיר: 'אִיךְ בְּלַייב מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן אוּן טוּן דִי שְׁלִיחוּת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר גֶעגֶעבְן'.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; אַנְשְׁטָאט קְרֶעכְצְן – דַארְף מֶען דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער אָדֶער וֵוייניִג קִינְדֶער – הָאבְּן אוֹיךְ שְׁוֶוערֶע טֶעג, שְׁוֶוערֶע נֶעכְט. אָפְּהִיטְן זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער מַאכְן מִיט; יֶעדֶער הָאט אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריִקַייטְן, דָאס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ, "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד" (אִיּוֹב ה, ז), דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ פְּלָאגְן; וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דִי פְּלָאג גֵייט אִין קִינְדֶער. אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער, אוֹיפְהָאדֶעוֶועןן קִינְדֶער, בְּלַייבְּט אִיבֶּער שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת; עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער דִי יָארְן אוּן מֶען דֶערְקְוִויקְט זִיךְ מִיט דִי נַחַת.

גֵייט אַרוֹיס אוֹיפְ'ן פָּארְטְשׁ, קוּקְט אוֹיפְ'ן הִימְל אוּן זָאגְט: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר מַיינֶע קִינְדֶער, פַּאר מַיין לֶעבְן"; וֶועט אִיר הָאבְּן פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת.

...

## אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיךְ קֶען מַאכְן טְעוּתִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (נְדָרִים ז:): "מַר זוּטְרָא חֲסִידָא", דֶער הֵיילִיגֶער מַר זוּטְרָא חֲסִידָא, "כִּי מְחַיֵּיב בַּר בֵּי רַב שַׁמְתָּא", וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט לֵייגְן אִין חֵרֶם אַ תַּלְמִיד זַיינֶער, "מַשְׁמִית נַפְשֵׁי' בְּרֵישָׁא", הָאט עֶר זִיךְ קוֹדֶם אַלֵיינְס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם, "וַהֲדַר מַשְׁמִית בַּר בֵּי רַב", נָאכְדֶעם הָאט עֶר דֶעם תַּלְמִיד אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם.

דָא זֶעט מֶען וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין תַּלְמִידִים. אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אוֹיבּ דֶער תַּלְמִיד פִירְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָדֶער טוּט נִישְׁט וִוי דִי הֲלָכָה אוּן מֶען דַארְף אִים מְחַנֵּךְ זַיין אוּן אוֹיסְ'מוּסְרְ'ן - דַארְף דֶער מְלַמֵּד אוּן מְחַנֵּךְ גֶעדֶענְקֶען: 'אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ חֶסְרוֹנוֹת, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיךְ קֶען מַאכְן טָעוּתִים, קַל וָחוֹמֶר קִינְדֶער וָואס מֶען דַארְף זֵיי נָאךְ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן', אוּן אַז דֶער מְלַמֵּד אוּן מְחַנֵּךְ גֶעדֶענְקְט: 'אִיךְ דַארְף אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן', נָאר אַזוֹי קֶען עֶר אוֹיסְלֶערְנֶען תַּלְמִידִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. וַוייל אוֹיבּ מֶען פַארְגֶעסְט פוּן זִיךְ, מֶען הַאלְט זִיךְ פַאר אַ מֻשְׁלָם - קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם גָאר שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמֶען דִי תַּלְמִידִים, אוּן נָאר אַז מֶען גֶעדֶענְקְט 'אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ קִינְד, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ פַארְשְׁפִּילְט אוּן פַארְ'חָלוֹמְ'ט, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן', נָאר אַזוֹי קֶען מֶען רִיכְטִיג מְחַנֵּךְ זַיין; וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת חֶבְרָה הַצָּלָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג

**לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

מִיט פְרֵייד נֶעמֶען מִיר אוֹיף דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן צוּ זַיין אַ טֵייל פוּן אַזַא הֵיילִיגֶע אָרְגֶעניִזֶעישְׁן "חֶבְרָה הַצָּלָה

ד'ווִילְיַאמְסְבּוּרְג", צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן רַאטֶעוֶועןְ לֶעבְּן'ס פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת חֶבְרָה הַצָּלָה, אוּן בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע אָרְגֶענִיזֶעישְׁנְ'ס פוּן חֶסֶד".

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען דַיין שַׁדְכָן אוּן עֶר הָאט עֶנְק זֵייעֶר לִיב גֶעהַאט. אוּן יֶעצְט פְרֵיידְט עֶר זִיךְ צוּ זֶען אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד וָואס לֶעבְּט צוּ רַאטֶעוֶוען אוּן הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן.

אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת וואוּנְטְשְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וּמִשְׁפַּחְתּוֹ.

...

### עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן, נָאר דָאס בִּיסְל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ, פְּרוּבִּירְסְט צוּ מַאכְן דָא אַפָּאר דָאלֶער, דָארְט אַפָּאר דָאלֶער אוּן בֵּין כַּךְ גֵייעֶן אַרִיבֶּער דִי יָארְן, אוּן אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן פוּן אַלֶע יָארְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אַ שָׁאד דוּ הֵייבְּסְט נִישְׁט אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַ זִיסֶע וֶועג פַאר דִיר, אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִסְגֶרֶת, אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען אִיז אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט - מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

קוּק אַריין אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן עו) דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן: "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען - נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר

בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ?" און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; און אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", ווייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ סִיּוּם אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה אִין יְרוּשָׁלַיִם, אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, הַבָּחוּר שְׁלֹמֹה צְבִי פֶּערְל נֵרוֹ יָאִיר - הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע מָאל שַׁ"ס. אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם, דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר ר' מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל נֵרוֹ יָאִיר מַאכְט אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט מִיט דִי בָּחוּרִים, דִי בָּחוּרִים הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע גְלִיסְטֶענִישׁ צוּ דִי תּוֹרָה און צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס ווייל אִיךְ וֵוייס אַז דוּ ווילְסְט אוֹיךְ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, דוּ וַוארְסְט נָאר אוֹיף חִיזּוּק; יֶעדֶע מָאל אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר - גֵייסְטוּ צוּרִיק צוּם גְמָרָא, און נָאךְ אַפָּאר טֶעג וַוארְטְסְטוּ שׁוֹין אוֹיף נָאךְ אַ שְׁטוּפּ.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בִּילְד פוּן דִי סִיּוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאכְסְט חוֹזֶק פוּן אַ צְוֵוייטְן, אִין מַיין נָאמֶען?!

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִיר כְּסֵדֶר בְּרִיוו, אָבֶּער יֶעצְט הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעשְׁרִיבְּן אַ טַעֲנָה אוֹיף מִיר. עֶר הָאט דִיר גֶעבָּארְגְט גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; עֶר הָאט דִיר פַארְבָּארְגְט צְוֶועלְף טוֹיזְנְט שֶׁקֶל בִּתְנַאי אַז דוּ וֶועסְט אִים בַּאצָאלְן יֶעדֶע רֹאשׁ חוֹדֶשׁ דְרֵיי טוֹיזְנְט שֶׁקֶל בִּיז דִי חוֹב וֶוערְט בַּאצָאלְט.

עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶר הָאט דִיר גֶעבֶּעטְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן צוּ בַּאצָאלְן – זָאגְסְטוּ אִים: "מַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל דִיר זָאגְן אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ", עֶר פְרֶעגְט דִיר: "וֶוען וֶועסְטוּ בַּאצָאלְן?" זָאגְסְטוּ אִים מִיט שְׁפַּאס: "מַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל דִיר זָאגְן אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ"; עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶר הָאט אַ טַעֲנָה צוּ מִיר, הֲיִתָּכֵן אִיךְ מַאךְ חוֹזֶק פוּן מֶענְטְשְׁן.

רֵאשִׁית, אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר נִישְׁט גֶערֶעדְט וֶועגְן דֶעם, צְוֵוייטְנְס וָואס נוּצְטוּ מַיין נָאמֶען חוֹזֶק צוּ מַאכְן? דְרִיטְנְס, אַז דוּ ווִילְסְט זַיין אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זָאלְסְטוּ מוֹחֵל זַיין אִים בַּאצָאלְן; מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מִיט חוֹבוֹת, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט קַיין עִיר מִקְלָט, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַ פְּלַאץ וָואס לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה.

אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז מִיט דִיר, ווִי קוּמְט אַרַיין מַיין נָאמֶען דָא אִין בִּילְד? אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ מֶענְטְשְׁן?! קוּמְט אוֹיס אַז נָאכְדֶעם וָואס דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ דַארְף אִיךְ עֶרְוַוארְטְן אַ בְּרִיוו פוּן דַיין כַּלָּה אַז דוּ גֵייסְט אִיר זָאגְן "מַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל דִיר זָאגְן דוּ

בִּיסְט גֶערֶעכְט"? און וֶוען דוּ וֶועסְט הַאלְטְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועסְטוּ אִיר זָאגְן: "מַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל דִיר זָאגְן אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ"? וָואס גֵייט פָּאר מִיט דִיר, אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ אַ מַלְוֶה? וֶוען יֶענֶער הָאט דִיר אַ טוֹבָה גֶעטוּן און דִיר גֶעהָאלְפְן בְּעֵת צָרָה, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן - מַאכְסְטוּ חוֹזֶק?!

זֶע צוּ מְקַיֵּים זַיין דַיינֶע וֶוערְטֶער; גֵיי הֲפָצָה, גֵיי נָאךְ גֶעלְט, בַּאצָאל דַיינֶע חוֹבוֹת און בֶּעט יֶענֶעם אִיבֶּער.

...

## שִׂמְחָה גֶעבְּט כֹּחַ פַארְ'ן גוּף זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁלָאגְן מִיט אַלֶע מַחְלוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע כֹּחוֹת זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵייליךְ, דָאס אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק. שִׂמְחָה גֶעבְּט כֹּחַ; דֶער גוּף קֶען זִיךְ שְׁלָאגְן מִיט אַלֶע מַחְלוֹת, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַז דֶער דָאקְטֶער זָאגְט דוּ דַארְפְסְט עֶסְן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי - זָאלְסְטוּ קוֹדֶם זָאגְן בִּרְכַּת הַשַּׁחַר, פָאלְגְן דֶעם דָאקְטֶער און עֶסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב.

...

## זָאגְן מִיט סַבְלָנוּת נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל פַאר דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג מַצְלִיחַ צוּ זַיין מִיט קִינְדֶער - אִיז זָאגְן נָאכְאַמָאל

און נָאכְאַמָאל, נִישְׁט מִיד וֶוערְן פון זָאגְן. קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט; קִינְדֶער זֶענֶען גוט און וואויל, מֶען דַארְף זֵיי לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; דָאס קֶען מֶען אוֹיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען, מִיט סַבְלָנוּת קֶען מֶען דָאס אוֹיךְ פּוֹעֵל'ן, נָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן; יֶעדֶעס מָאל מֶען זֶעט דִי קִינְדֶער לֵייגְן דִי הֶענְט וְכוּ', זָאגְט מֶען נָאכְאַמָאל רוּאִיג זֵיי זָאלְן נִישְׁט לֵייגְן דָארְט דִי הֶענְט.

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּ מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער: דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, זֵיי דַארְפְן ווִיסְן אַז דִי אַלֶע וֶוערְטֶער וָואס זֵיי לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער - גֵייט אַרַיין אִין זֵיי, אַסַאךְ מָאל פְרִיעֶר און אַסַאךְ מָאל שְׁפֶּעטֶער, און אֲפִילוּ מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ וִוי זֵיי פָאלְגְן - דַארְף מֶען זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג און זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל וָואס אִיז רִיכְטִיג און וָואס אִיז גוט.

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, כָאטְשִׁיג אֵיין קַאפִּיטְל, און בַּיים זָאגְן תְּהִלִּים בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן נִישְׁט פָארְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן נִישְׁט פָארְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן? מִי יִתֶּן לִי אֵבֶר כַּיּוֹנָה... וָואלְט אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן און גֶעפָארְן.

דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוֹיבּ יֶעצְט אִיז גֶעאֵייגְנְט צוּ פָארְן, וֶוען עֶס אִיז שְׁעַת מִלְחָמָה. מִיר זֶענֶען טַאקֶע גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְמִיטְן דִי מִלְחָמָה, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכ): "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? קַיין גְרֶעסֶערְס

פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאן"; אָבֶער יֶעצְט פָארְן - וֵוייס אִיךְ נִישְׁט אוֹיב עֶס אִיז כְּדַאי.

בְּנוֹגֵעַ שַׁבָּת חֲנוּכָּה; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען דֶערְקֶעגְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועק פָארְן חֲנוּכָּה פוּן שְׁטוּב, אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער; חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ. בָּחוּרִים, אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער - קֶענֶען יָא פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף חֲנוּכָּה, אָבֶער יֶעצְט בִּשְׁעַת מִלְחָמָה וֵוייס אִיךְ נִישְׁט אוֹיב עֶס אִיז כְּדַאי.

נָאכְמָאל, אִיךְ זָאג דִיר נִישְׁט זָאלְסְט נִישְׁט פָארְן, וַוייל וֶוער קֶען זָאגְן נִישְׁט פָארְן צוּם רֶבִּי'ן? רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, עֶס לוֹינְט אֲפִילוּ נָאכְמָאל אַרָאפְּקוּמֶען אִין אַ גִלְגוּל אַבִּי צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, אָבֶער אִיךְ קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זָאגְן יָא פָארְן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, "הֲפֹךְ בָּהּ וַהֲפֹךְ בָּהּ דְּכֹלָּא בָהּ וְכוּ', וּמִנַּהּ לֹא תָזוּעַ" (אָבוֹת ה, כג); זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְרוּקְן פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דרוּקְן נָאךְ "מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוֹיף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר הָאבְּן דָאס מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דִי נַייעֶ וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת - זֶענֶען מְחַיֶּה טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס דָאס טוּט, וְוִיפִּיל מֶענְטְשְׁן בַּאקוּמֶען לֶעבְּן פוּן דֶעם.

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן צוּ עֶנְדִיגְן דִי מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַּאר קִינְדֶערְלֶעךְ - וִוי אַנְדֶערֶע זַאכְן. וַוייל דִי מְפִיצִים זָאגְן פֶּה אֶחָד אַז דִי קוּנְטְרֵס "מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַּאר קִינְדֶערְלֶעךְ" גֵייט דִי מֶערְסְטֶע בַּיי דִי הַייזֶער, אַלֶע נֶעמֶען דָאס.

וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, הֱיוֹת דוּ הָאסְט זִיךְ פָּארְגֶענוּמֶען דָאס יָאר אַרוֹיסְצוּגֶעבְן יֶעדֶע חוֹדֶשׁ אַ פְּרִישֶׁע סֵפֶר, זָאלְסְטוּ לֵייגְן אַלֶעס אִין דֶער זַייט אוּן אַרוֹיסְגֶעבְן יֶעדֶע חוֹדֶשׁ נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה'לֶעךְ. דָאס וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין קִינְדֶער אֱמוּנָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; דִי מַעֲשִׂיּוֹת זֶענֶען נִישְׁט סְתָּם מַעֲשִׂיּוֹת, דִי מַעֲשִׂיּוֹת זֶענֶען מַעֲשִׂיּוֹת וָואס יֶעדֶע קִינְד קֶען נָאכְמַאכְן, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים וִוי אַזוֹי דִי צַדִיקִים זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִיקִים. זָארְג נִישְׁט פַּאר גֶעלְט, אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן דָאס דְרוּקְן.

דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַּאר דִי עֵצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר קִינְדֶער.

דִי נָאמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז "אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן".

אָההה קוּק... דִי פֵייגְל אִיז טוֹיט... !

פִּינְקְט וֶוען דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְן דִי רוּט צוּ שְׁמַייסְן דִי פֶערְד - אִיז דָאס פֵייגְל אַרִיבֶּערְגֶעפְלוֹיגְן אוּן גֶעכַאפְּט אַ שְׁמַייס פוּנֶעם רוּט אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן טוֹיט... אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט...

דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי נָחוּם פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן קַיין מֶעזִיבּוּזְשׁ צוּם צִיּוּן פוּן זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער צַדִיק וֵויינְט בַּיים קֶבֶר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶע אִידְן זָאלְן הָאבְן פַּרְנָסָה, אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן הָאבְן יְשׁוּעוֹת. דֶער קֶבֶר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, עֶס קוּמֶען אַהִין זֵייעֶר אַסַאךְ אִידְן מִתְפַּלֵּל זַיין.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן וָואגְן אַהֵיים צוּ פָארְן אִיז דֶער רֶבִּי גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶער זַייט אוּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן צַדִיק, אוּן אִין דִי מִינוּט וָואס דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט

אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי רוּט צוּ שְׁמַייסְן דִי פֶערְד – אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפְלוֹיגְן אַ פֵייגְל, עֶס הָאט גֶעכַאפְּט דֶעם שְׁמַייס אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן טוֹיט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן הוֹיךְ: "עֶס אִיז אִים גֶעקוּמֶען".

וֶוען דֶער צַדִיק רֶבִּי נָחוּם מִטְשֶׁערְנָאבִּיל הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז אִים דָאס זֵייעֶר גֶעפָאלְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹיף דָוִד הַמֶּלֶךְ: "יְפֵה עֵינַיִם", עֶר הָאט גֶעהַאט שֵׁיינֶע אוֹיגְן, "וְטוֹב רֹאִי", אוּן אַ גוּטֶע אוֹיסְזֶען, דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם קִינְד, וַוייל עֶר זֶעט גוּט; וַוייל דִי פֵייגְל אִיז גֶעוֶוען אַ גִלְגוּל פוּן אַ נְשָׁמָה וָואס הָאט יֶעצְט בַּאקוּמֶען אִיר תִּיקוּן.

פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֶעעֶן מִיר אַז יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט נָאר אוֹיב דָאס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל עֶס זָאל אַזוֹי פַּאסִירְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד – הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזֶען וָואס טוּט זִיךְ מִיט נְשָׁמוֹת אוּן גִלְגוּלִים.

אַזוֹי אוֹיךְ מִיר, אֲפִילוּ מִיר זֶעעֶן נִישְׁט דִי זַאכְן, אָבֶּער מִיר דַארְפְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אוּן פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דִי פֵייגְל הָאט גֶעכַאפְּט אַ שְׁמַייס אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן – אִיז דָאס אִיר גֶעקוּמֶען, אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט – הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג נָאר גֵיין צוּ דִיר, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר".

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מַאכְן אַ בִּילְד וִוי מֶען זֶעט אַ וָואגְן, אַ בַּעַל עֲגָלָה מִיט אַ רוּט. דֶער צַדִיק זִיצְט אִין וָואגְן, נֶעבְּן וָואגְן שְׁטֵייט אַ קִינְד מִיט צְוַויי שֵׁיינֶע פֵּיאוֹת, אוּן אַ פֵייגְל אִין דִי לוּפְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵיידְט אוּן פַאלְט אַרָאפּ נֶעבְּן דִי רוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְש וָואס גֵייט זַיין מִיט אִים דִי קוּמֶענְדִיגֶע מִינוּט?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ פָּארְגֶעלֶערְנְט אַ בְּלַאט בַּבְלִי, אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי, אוֹיךְ דִי מִשְׁנַיוֹת שִׁיעוּר, אוּן יֶעצְט גֵיי אִיךְ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס מִיט דִי בָּחוּרִים אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְזֶערֶע יְשִׁיבָה קְטַנָּה בָּחוּרִים; זֵיי זֶענֶען אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע בָּחוּרִים, זֵיי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען מִיט אַזַא הַתְמָדָה, אִיךְ הָאבּ פוּן זֵיי גְרוֹיס נַחַת.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, דִי בָּחוּרִים וַוארְטְן אוֹיף מִיר, אִיךְ דַארְף גֵיין גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר זֵיי. דִיר בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

הֶער נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְזֶער חַבֵר נָתָן יוֹסֵף בָּרוּךְ בֶּן טוֹיבָּא, אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן שְׁטֶעטְל וָואס אִיז פַארְשְׁלַאפְט, עֶר לִיגְט אִין שְׁפִּיטָאל, עֶר דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם.

וָואס אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ? וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט זַיין מִיט אִים דִי קוּמֶענְדִיגֶע מִינוּט? מֶען דַארְף נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דָאס בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ הָאף דִיר מָארְגְן צוּ מְבַשֵׂר צוּ זַיין גוּטֶע נֵייעֶס פוּן דֶעם אִינְגֶערְמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מִיט וואוּילֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע, וֶוערְן דִי קִינְדֶער נָאר בֶּעסֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אַז אִיר וִוילְט וִויסְן אִינְפָארְמֶעישְׁן אוֹיף הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר אִיז אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, מַמָּשׁ כְּלִיל הַמַּעֲלוֹת, אִיךְ בִּין זֵייעֶר זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אִים. יֶעדֶע מָאל אִיךְ רֶעד מִיט אִים וֶוער אִיךְ פְּרִישׁ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אִים, עֶר אִיז אַ שְׁטִיק אֵיידְלְקֵייט, אַ שְׁטִיק עֶרְלִיכְקֵייט, אַ שְׁטִיק גוּטֶע מִידוֹת; אִיךְ זָאג אַייךְ דֶעם אֱמֶת, עֶס אִיז נִישְׁטָא צוּפִיל מֶענְטְשְׁן זַיינְ׳ס גְלַייכְן.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְּרַאגֶע וָואס וֶועט זַיין מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן זַיינֶע קִינְדֶער? אִיר זָארְגְט זִיךְ פַּאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ יְרִידָה דוּרְךְ זַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳; מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועט עֶס נִישְׁט שָׁאטְן, אַלֶע וֶועלְן נָאר שְׁטֵייגְן. אַ שְׁטוּבּ וָואס אִיז דָא דָארְט אַ וואוּילֶער טַאטֶע אוּן אַ וואוּילֶע מַאמֶע - וֶוערְן דִי קִינְדֶער נָאר מֶער אוּן בֶּעסֶער, וְוידֶערְאוּם אַ שְׁטוּבּ וָואס אִיז לֵיידִיג, עֶס אִיז נָאר דָא אַ טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע, וְוי גוּט דִי קִינְדֶער זֶענֶען - קֶענֶען זֵיי זַיין נָאךְ מֶער, אוּן זִיכֶער אִין גֶעזוּנְט; אֵינוֹ דוֹמֶה קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף אִין אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבּ מִיט אַ טַאטֶע מַאמֶע וָואס לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט - וְוי קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף אַלֵיינְס.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט וְכוּ׳; דָאס וֵוייס אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ קֶען אַייךְ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן; דָאס דַארְפְט אִיר פְרֶעגְן אַייעֶר רָב.

כָּל טוּב.

...

## אַ פְּרָאגְרַאם פַאר קִינְדֶער, דַארְף גֶעטוּן וֶוערְן רִיכְטִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, לָאנְדָאן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ פַאר אַ שׁוּל.

בְּנוֹגֵעַ דִי פְּרָאגְרַאם וָואס דוּ ווִילְסְט מַאכְן; גֶעבּ אַכְטוּנְג ווִי אַזוֹי דוּ מַאכְסְט דָאס, וַוייל וֶוען מֶען מַאכְט אַ פְּרָאגְרַאם מִיט קִינְדֶער - דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין רִיכְטִיג, וַוייל אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט רִיכְטִיג - אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּ מַאכְן דֶעם פְּרָאגְרַאם.

גֶעבּ דִי פְרַאגֶעס פַאר מְלַמְדִים, זֵיי זָאלְן דָאס דוּרְכְקוּקְן אֵיידֶער דוּ מַאכְסְט אַזַא פְּרָאגְרַאם; נָאר אַז דָאס וֶועט זַיין רִיכְטִיג - וֶועל אִיךְ דָאס לָאזְן בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה.

אַסַאךְ שְׁאֵלוֹת זֶענֶען צוּ דֶער זַאךְ אוּן אַפָּאר שְׁאֵלוֹת זֶענֶען נִישְׁט עֶפֶּעס אַזוֹי, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אֵיינֶע פוּן דִי פְרַאגֶעס פְרֶעגְסְטוּ דֶעם קִינְד: "ווִיפִיל שָׁעָה הָאסְטוּ אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי הַאטְלֵיין?" אוּן פַאר יֶעדֶע הַאלְבֶּע שָׁעָה בַּאקוּמְט עֶר אַ פּוֹינְט; אִיךְ מֵיין אַז דִי פְרַאגֶע אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל דִי צִיל אִיז דָאךְ נִישְׁט אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיצְן מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאן שָׁעוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ דִי פְרַאגֶע, אוֹיבּ דִי קִינְדֶער הָאבְּן דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דִי בְּלֶעטְל בְּעִיּוּן רַב - אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, עֶנְדֶערְשׁ פְרֶעג דִי קִינְדֶער: "הָאסְט גֶעהִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן?" פְרֶעג אִים: "הָאסְט זִיךְ גֶעפִירְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה?"

אִיךְ ווִיל דִיר נִישְׁט מַאכְן חֲלִישַׁת הַדַּעַת, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מַאכְן אַ פְּרָאגְרַאם פַאר קִינְדֶער - וֶועל אִיךְ דָאס נָאר לָאזְן אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן; עֶס דַארְף זַיין מִיט שֵׂכֶל מִיט אַ 'שׂ', נִישְׁט סֵכֶל מִיט אַ 'ס'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לוּינְט זִיךְ צוּ גֵיין אוֹיף וַואקַאצְיֶע?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא, פַארְגֶעס נִישְׁט אַז דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִיר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט נָאר אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער, "אָמַר לֵיהּ רַב פָּפָּא לְאַבַּיֵי, דִּידִי וְדִידָךְ מַאי", הָאט רַב פָּפָּא גֶעפְרֶעגְט אַבַּיֵי, וָואס אִיז מִיט אוּנְזֶער תּוֹרָה? דִי וֶועלְט שְׁטֵייט דֶען נָאר אוֹיף קִינְדֶערְ'ס תּוֹרָה? "אָמַר לֵיהּ", זָאגְט אַבַּיֵי: "אֵינוֹ דּוֹמֶה הֶבֶל שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חֵטְא לְהֶבֶל שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט פוּן עֲבֵירוֹת, וָואס זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר רֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְגֶעס נִישְׁט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט וָואס דוּ פַארְמָאגְסְט, דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. גֵיי אִין חֶדֶר מִיט אַ שִׂמְחָה, גֵיי אִין חֶדֶר מִיט אַ טֶענְצְל; טַאנְץ זִיךְ אוּנְטֶער אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט.

יֶעצְט בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ וִויל עֶס, אוֹיבּ זִי וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֵיין וַואקַאצְיֶע - אִיז כְּדַאי צוּ גֵיין, אוּן גֵיין מֵיינְט מִיט דִי גַאנְצֶע גֶעשְׁמַאק, אָן זָאגְן קַיין אֵיין וָוארְט, אָן קְרֶעכְצְן; וַוייל אַז דוּ וֶועסְט גֵיין מִיט אִיר וַואקַאצְיֶע אוּן אַ גַאנְצְן צַייט וֶועסְטוּ זִינְגֶען דִי נִיגוּן: "וָואס פֶּעלְט עֶס אוֹיס?" - אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ.

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ עֶר זָאל פָארְן צוּ עֶפֶּעס אַ פְּלַאץ, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פה): "כְּשֶׁרוֹאֶה אָדָם נְסִיעָה לְפָנָיו", וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַ נְסִיעָה, "אֵין לוֹ לְהִתְעַקֵּשׁ לִמְנֹעַ מִזֶּה, לֵישֵׁב בְּבֵיתוֹ דַּוְקָא", זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנְ'עֶן צוּ בְּלַייבְּן דַוְקָא אִין שְׁטוּבּ, "כִּי בְּכָל מָקוֹם שֶׁאָדָם נוֹסֵעַ לְשָׁם הוּא מְתַקֵּן שָׁם אֵיזֶה דָּבָר", וַוייל וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען

פָּאַרְט - אִיז דֶער מֶענְטְשׁ מְתַקֵּן גְרוֹיסֶע זַאכְן, "אֲפִלּוּ אִישׁ פָּשׁוּט לְגַמְרֵי", אֲפִילוּ פְּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן אַלְץ נֶעמֶען דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁאֵלָה; יָא פָארְן אָדֶער נִישְׁט פָארְן - פְלֶעגְט מֶען נֶעמֶען דִי וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן: "אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַ נְסִיעָה פָארְט מֶען".

אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, וואוּ דוּ זָאלְסְט אִים לֵייגְן, וואוּ עֶר זָאל נָאר זַיין - אִיז עֶר מְסוּדָּר אוּן הָאט וָואס צוּ טוּן; אִין שְׁטוּבּ, בַּיי וַואקַאצְיֶע, וֶוען מֶען פָארְט צוּ אַ שִׂמְחָה - הָאט עֶר זַיין חוּמָשׁ, זַיין מִשְׁנַיוֹת, זַיין גְמָרָא אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָארְט וואוּ עֶר אִיז. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא (שְׁמוּאֵל א' ז, יז): "כִּי שָׁם בֵּיתוֹ", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת י:): "בְּכָל מָקוֹם שֶׁהָלַךְ שָׁם, בֵּיתוֹ עִמּוֹ", וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען - הָאט עֶר גֶעהַאט מִיט זִיךְ זַיינֶע שִׁיעוּרִים, זַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם; וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) - וואוּ מֶען אִיז - קֶען מֶען לֶערְנֶען, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען הָאט אַ חַבְרוּתָא, מֶען הָאט אַ מִסְגֶּרֶת וְכוּ' אוּן מֶען פָארְט אַוֶועק - אִיז נִישְׁט שָׁם בֵּיתוֹ.

לָאז זִיךְ פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז מֶען פַארְפַּאסְט אַ שִׁיעוּר, קֶען מֶען הֶערְן דִי קוּמֶענְדִיגֶע שִׁיעוּר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי שִׁיעוּרִים וָואס מֶען גֶעבְּט בַּיי דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם - קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּכַאפְּן, אוֹיבּ מֶען כַאפְּט דָאס אָפּ - אִיז דָאס גְנֵיבָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט אִין שְׁטוּבּ אָפְּגֶעכַאפְּטֶע שִׁיעוּרִים - דַארְף מֶען דָאס פַארְמֶעקְן, דָאס אִיז גְנֵיבָה.

עֶס אִיז גֶעוֶוען וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט, דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז מֶען

זָאל אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי שִׁיעוּרִים וְכוּ׳. שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי שִׁיעוּרִים, אָבֶּער אַז אִיךְ וֶועל צוּרִיק הֶערְן אַז מֶען כַאפְּט דָאס אָפּ - וֶועט מֶען דָאס אִינְגַאנְצְן אָפְּשְׁטֶעלְן.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר בֶּעט, אִיר הָאט פַארְפַּאסְט דִי וָואךְ דִי שִׁיעוּר אוּן אִיר פְרֶעגְט וואו אִיר קֶענְט דָאס הֶערְן; מִיר מַאכְן דִי שִׁיעוּרִים יֶעדֶע וָואךְ, אוּן אוֹיב מֶען פַארְפַּאסְט אַ שִׁיעוּר - דַארְף מֶען נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז קוּמֶענְדִיגֶע חוֹדֶשׁ, נָאר מֶען קֶען הֶערְן אַ פְרִישֶׁע שִׁיעוּר דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ; דִי שִׁיעוּרִים וָואס מֶען פַארְפַּאסְט קֶען מֶען נִישְׁט הֶערְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אַלֶעמֶען נִישְׁט אָפְּצוּכַאפְּן, אוּן אַז מֶען פַארְפַּאסְט אַ שִׁיעוּר זָאל מֶען וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע שִׁיעוּר.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט זַיין אַ מְלַמֵּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן נַאכְט בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן אִין שְׁטֶעטְל צוּ אַ בַּר מִצְוָה בַּיי אַ חָשׁוּבְ׳עֶ מִשְׁפָּחָה בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה. דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען בַּיי דִי בַּר מִצְוָה מַסֶּכֶת שַׁבָּת, דָאס אִיז גֶעוֶוען בְּמָקוֹם זַיין פְּשֶׁעטְל.

בַּיי דִי בַּר מִצְוָה הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג אַרוּמְצוּפָארְן צוּ שְׂמְחוֹת, דָאךְ בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ דִי בַּר מִצְוָה, הֱיוֹת דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי סְעוּדַּת בַּר מִצְוָה אוֹיף אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ אֵיידֶעלֶע אוֹפָן בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ, אוּן אִיךְ הָאף אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְן זַיין קְלוּג אוּן דָאס נָאכְמַאכְן, נִישְׁט אוֹיסְצוּגֶעבְּן אוּמְזִיסְטֶע גֶעלְט אוּן זִיךְ מַאכְן חוֹבוֹת פַאר דִי פָּאר שָׁעָה, צוּ פְרַאוֶועןעְן אַ שִׂמְחָה אִין אַ זַאל וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי אָבוֹת אוּן דִי אִמָהוֹת. מִיר זֶעעֶן אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כג, א): "שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה", זָאגְט רַשִׁ"י: "כֻּלָּן שָׁוִין לְטוֹבָה", ווִי צַדִיקִים טַייטְשְׁן: עֶס אִיז אִיר שְׁטֶענְדִיג גוּט גֶעוֶוען; דִי אָבוֹת אוּן דִי אִמָהוֹת הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, זֵיי הָאבְּן גֶעווּסְט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי - אִיז פַאר זֵייעֶר טוֹבָה.

וַוייטֶער זָאגְט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ (שָׁם, ב): "נִסְמְכָה מִיתַת שָׂרָה לַעֲקֵדַת יִצְחָק, לְפִי שֶׁעַל יְדֵי בְּשׂוֹרַת הָעֲקֵדָה שֶׁנִּזְדַמֵּן בְּנָהּ לַשְּׁחִיטָה וְכִמְעַט שֶׁלֹּא נִשְׁחָט, פָּרְחָה נִשְׁמָתָהּ מִמֶּנָּה וָמֵתָה", שְׁטֵייט פוּן סְפָרִים, וָואס אִיז דִי כִּמְעַט 'שֶׁלֹּא' נִשְׁחָט, עֶס וָואלְט לִכְאוֹרָה גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין כִּמְעַט 'שֶׁנִּשְׁחָט', אוֹיבְּנָאוֹיף אִיז דָאךְ דָאס גֶעוֶוען דִי סִיבָּה פוּן אִיר מִיתָה, אַז זִי הָאט גֶעהֶערְט כִּמְעַט 'שֶׁנִּשְׁחָט'?! זָאגְן זֵיי אַ פַארְקֶערְטֶע בְּחִינָה, אַז שָׂרָה אִמֵּנוּ הָאט גֶעווּסְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען זִי הָאט גֶעהֶערְט אַז 'שֶׁלֹּא' נִשְׁחָט - פוּן דֶעם הָאט זִי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן אַז אִיר מַאן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן אִיר זוּן יִצְחָק הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיפְ'ן שָׂטָן אוּן טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; 'ווִי קֶען זַיין, נָאךְ אַזוֹיפִיל נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר אִיז אַלֶעס בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען - הָאט עֶר יֶעצְט נִישְׁט גֶעטוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', פוּן דֶעם אִיז גֶעוֶוען מִיתַת שָׂרָה. אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ יָא גֶעטוּן רְצוֹן הַשֵּׁם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעהֵייסְן שֶׁחְטְ'ן יִצְחָק, נָאר גֶעזָאגְט (שָׁם כב, ב): "וְהַעֲלֵהוּ שָׁם לְעֹלָה".

דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר אִיז גֶעזִיצְן מִיט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים; אַזוֹי פְרֵיילִיךְ. דָאס אִיז דִי חִינוּךְ פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, ווִי דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִנְס לֵייגְן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין גְרֵייט פַאר דִי לֶעבְּן, זֵיי גְרֵייטְן אָן דִי קִינְדֶער וָואס אִיז אַ בַּר מִצְוָה; נִישְׁט אַ זַאל, נִישְׁט אַ שְׁפִּילֶער, נִישְׁט אַ 'פַּארְטִי פְּלֶענֶער', נִישְׁט בְּלוּמֶען וְכוּ' וְכוּ', נָאר אַז מֶען גֵייט זוֹכֶה זַיין צוּ לֵייגְן תְּפִילִין, מֶען גֵייט אַרַיין לְעוֹל הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ, דִי לֶערֶערִנְס לֵייגְן אַרַיין אִין דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס אִיז חֲתוּנָה הָאבְּן; נִישְׁט אַ זַאל,

נִישְׁט בְּלוּמֶען, נִישְׁט אַ טֵייעֶרֶע כַּלָּה קְלֵייד, נִישְׁט טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳ וְכוּ׳, נָאר לֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט.

נָאךְ דִי בַּר מִצְוָה בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם נֵייעֶם סְפָרִים גֶעשֶׁעפְט, דֶער בַּעַל הַסְּפָרִים סְטָאר הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ קְלַאפְּן מְזוּזָה. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן דֶעם גֶעשֶׁעפְט, עֶר הָאט דָארְט אַן אוֹיסְוַואל פוּן סְפָרִים פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס ווילְן לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּים זַיין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. אָנְגֶעפַאנְגֶען פוּן חוּמָשׁ - שֵׁיינֶע חֻמָּשִׁים, נַ״ךְ - הֶערְלִיכֶע סֶעטְס נַ״ךְ, מִשְׁנַיוֹת - הֶערְלִיכֶע סֶעטְס מִשְׁנַיוֹת, תַּלְמוּד בַּבְלִי - הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע גְּמָרוֹת מִיט גְרוֹיסֶע גֶעפִּינְטֶלְטֶע אוֹתִיוֹת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי. הֶערְלִיכֶע סֶעטְס רַמְבַּ״ם. טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ. הֶערְלִיכֶע סֶעטְס מֶדְרָשִׁים, אַלֶע סָארְטְן מֶדְרָשִׁים; אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סֶעט מֶדְרָשׁ, אֵיינֶע פוּן דִי מֶדְרָשִׁים וָואס הָאט מִיר גֶעפֶעלְט. הֶערְלִיכֶע זוֹהַר, הֶערְלִיכֶע תִּיקּוּנִים, אַלֶע דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

אוֹיךְ הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט טֶעוֶועלֶעךְ שְׁמִירָה לְיוֹלֶדֶת, וָואס אַגַב, אִיךְ הָאבּ אִים דָאס גֶעבֶּעטְן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען. וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֵוייסְן בִּכְלַל נִישְׁט פוּן דֶעם, אַז מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיפְצוּהֶענְגֶען אִינֶעם שְׁטוּבּ פוּן דִי יוֹלְדוֹת, אוֹיף אַלֶע פִיר וֶוענְט - דִי טֶעוֶועלֶעךְ פוּן דִי שְׁמִירָה.

אִיךְ בִּין אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַאר דִי וַואךְ נַאכְט פוּן מַיין זוּן יִצְחָק דָוִד נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ וָואס אִיךְ דַארְף טוּן, צִי אִיךְ דַארְף אוֹיף זַיין אוּן לֶערְנֶען אַ גַאנְצֶע נַאכְט, הָאט מִיר מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט: ״דַארְפְסְט נִישְׁט אוֹיף זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אֵיין זַאךְ יָא, הֶענְג אוֹיף דִי טֶעוֶועלֶעךְ אוֹיף אַלֶע פִיר וֶוענְט״.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קְלַאפְּן אַ מְזוּזָה בַּיי אַ חָשׁוּבְ׳עֶ מִשְׁפָּחָה, מִשְׁפַּחַת זוּסְמַאן - וָואס הָאבְּן זִיךְ יֶעצְט אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי נֵייעֶ דִירוֹת אוֹיף טְוִוין בְּרִידְזְשׁ.

אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ. הַיינְט פַּארְטָאגְס הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט גְרוֹיס נַחַת זַייעֶנְדִיג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין שְׁטֶעטְל, זֶען אַבְרֵכִים זִיצְן אִין לֶערְנֶען, מֶען אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה.

אֵיין פְּרָאבְּלֶעם הָאבּ אִיךְ יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל, עֶפֶּעס וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק; פַּארְוָואס אִיךְ וואוֹין נָאכְנִישְׁט דָא. וֶוען אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל זָאג אִיךְ פַאר מַיין וַוייבּ: "פַּארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט דָא וואוֹינֶען, פַּארְוָואס דַארְף אִיךְ זַיין אִין שְׁטָאט?"

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן אוּנְזֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א, עֶר הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶר שֵׁיינֶע גְרוּסְן סַיי פוּן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אוּן סַיי פוּן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת, אִיךְ הָאבּ מִיט אִים גֶערֶעדְט זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע זַאכְן וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אָנְגְרֵייטְן אַ פְּלַאץ, אַז דִי יְשִׁיבָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְצִיעֶן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען קוּמֶען אוּן זַיין אִין דִי שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע שְׁטֶעטְל.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א, אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ קֶענֶען אַרַיינְנֶעמֶען אִין מַיין שְׁטוּבּ אַזַא גַאסְט, וִוי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועט הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א אַיינְשְׁטֵיין בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ דֶעם שַׁבָּת הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה. דִי תְּפִילוֹת, דִי בָּאטֶע אוּן דִי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת וֶועלְן גֶעפְּרַאוֶועט וֶוערְן אִין הָאשְׁקִי שׁוּל, דָאס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק פַּאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט עֶפֶּעס אַ שְׁפִּילְצֵייג וָואס מִיט דֶעם שְׁפִּילְט עֶר זִיךְ, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס דָאס אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר בַּאלִיבְּט, אַ זַאךְ וָואס מֶען דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס: "דָאס אִיז מַיין בֶּעבִּי"; מַיין זַאךְ אִיז "אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער".

אִיךְ טְרַאכְט, הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט זַיין אַ בָּאס דְרֵייוֶוער, אַרוּמְפָארְן אִינְדֶערְפְרִי אוּן אוֹיפְנֶעמֶען דִי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, זֵיי בַּאגְרוּסְן מִיט "אַ גוּט מָארְגְן", זֵיי אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אַ רִיזִיגֶע שְׁמֵייכְל.

אִיךְ טְרַאכְט, הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט זַיין אַ בָּאס רֶבִּי אוּן אָפְּוַוארְטְן דִי טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אַרָאפְּגֵיין פוּן בָּאס אוּן זֵיי אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אַ הוֹיכֶע גֶעשְׁרֵיי מִיטְ'ן קִינְדְ'ס נָאמֶען: "אַ גוּט מָארְגְן", מִיט אַ זַאפְטִיגֶע שְׁמֵייכְל.

אִיךְ טְרַאכְט, הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט זַיין אַ מְלַמֵּד, זִיצְן מִיט דִי

קִינְדֶער, תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא, און אַרײַנְלֵייגְן אִין זֵיי לֶעבְּן, מוּט, וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן קִינְד ׳דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק׳, און אַזוֹי יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט מִיט קִינְדֶער.

וֶוען אִיךְ זֶע דֶעם קֶעכֶער וָואס גְרֵייט אָן עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, טְרַאכְט אִיךְ, הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט שְׁנַיידְן יְרָקוֹת, קָאכְן אֵייעֶר און שְׁמִירְן בְּרוֹיט פַאר קִינְדֶער וָואס קוּמֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און וֶוען אִיךְ זֶע דֶעם לָאנְטְשׁ מְלַמֵּד טְרַאכְט אִיךְ, הַלְוַואי וָואלְט דָאס גֶעוֶוען מַיין זַאךְ; יֶעדְן טָאג נֶעמֶען דִי קִינְדֶער בַּיי הַפְסָקָה שְׁפִּילְן מִיט זֵיי בָּאלִי און מַאכְן יֶעדֶע קִינְד שְׁפִּירְן אַז עֶר קֶען דִי בֶּעסְטֶע דִי שְׁפִּיל וְכוּ׳ וְכוּ׳.

גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶערוּפְן אֵיינֶער פוּן דִי חָשׁוּבְ׳עֶ מְלַמְּדִים וָואס פִירְן דִי בָּאס און אִים גֶעבֶּעטְן: "אִיךְ ווִיל מִיט דִיר מִיטְגֵיין אַרוּמְפָארְן דִי שְׁטֶעטְל"; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ. בַּיי יֶעדֶע שְׁטוּב וואוּ דִי בָּאס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ בִּין אִיךְ אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן בָּאס, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ שְׁרֵיי: "אַ גוּט מָארְגְן! שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם!" און אוֹיךְ אַ גַאנְצֶע וֶועג אוֹיפְ׳ן בָּאס הָאבּ אִיךְ פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער. דִי שְׁטֶעטְל אִיז שׁוֹין גְרֶעסֶער, עֶס זֶענֶען שׁוֹין דָא צְוֵויי בָּאסֶעס וָואס נֶעמֶען אוֹיף דִי קִינְדֶער, אִיךְ בִּין נָאר גֶעוֶוען מִיט אֵיין בָּאס.

נַיין אַזֵייגֶער, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִיט דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, דִי יְשִׁיבָה קְטַנָּה פוּן קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר זֵייעֶרֶער אִיז הָרַב יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁנִיצְלֶער שְׁלִיטָ"א, וָואס עֶר טוּט מִיט דִי בָּחוּרִים - אִיז נִישְׁט צוּם בַּאגְרֵייפְן.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטוּן תְּפִילִין פַארְ׳ן פְרִישְׁן בַּר מִצְוָה בָּחוּר אֶפְרַיִם פִישְׁל נֵרוֹ יָאִיר און נָאכְן דַאוֶונֶען אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל לְחַיִּים.

אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר דִי מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס; אִיךְ הָאבּ זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם הָאַבְרֵךְ נָתָן יוֹסֵף בָּרוּךְ בֶּן טוֹיבָּא וָואס דַארְף אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה אִיז שׁוֹין אַרָאפּ פוּן דִי רֶעסְפֶּערֶעטָאר און זַיין מַצָּב וֶוערְט בֶּעסֶער און בֶּעסֶער, דָאס אִיז אִין זְכוּת פוּן דִי תְּפִילוֹת וָואס מִיר אַלֶע בֶּעטְן און וָואס דִי קִינְדֶער בֶּעטְן.

יֶעצְט בִּין אִיךְ אוֹיפְ׳ן וֶועג קַיין קִרְיַת יוֹאֵל, צוּ מְחַזֵק זַיין דִי חֶדֶר און בֵּית פֵּיגָא אִין קִרְיַת יוֹאֵל.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הַיינְט נַאכְט גֵייט זַיין דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט קוּמֶען.

אַ שָׁאד אוֹיף יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אָנֶעם לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא פוּנֶעם טָאג, נֶעם דוּ אוֹיךְ אַ גְמָרָא און לֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. הַיינְט אִיז דִי דַף מַסֶכֶת נְדָרִים דַף כג. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד", מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נַאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; וִוי שְׁוֶוער אִיז צוּ נֶעמֶען אַ גְמָרָא און לֶערְנֶען דֶעם דַף? מַסֶכֶת נְדָרִים אִיז קְלֵיינֶע בְּלֶעטֶער, עֶס וֶועט דִיר נֶעמֶען אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט צוּ דוּרְכְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ פָּאר אַוֶועק מִיט גֶעצֵיילְטֶע בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן אַרוּם צַאמְשְׁטֶעלְן גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּרֶענְג אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אַ פְרֵיילִיכְקֵייט, מַאךְ נִישְׁט דִי שְׁטוּבּ אָנְגֶעצוֹיגְן, בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, דֶעמָאלְט זוּכְט דֶער שָׂטָן צוּ מַאכְן מַחֲלֹקֶת אִין שְׁטוּבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין ו:): "כָּל הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַ שְׁרֶעק אִין שְׁטוּבּ - "סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת, גִּלּוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָּמִים, וְחִלּוּל שַׁבָּת", וֶועט נָאכְדֶעם צוּקוּמֶען צוּ דִי דְרֵיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, וַוייל וֶוער עֶס הָאט שָׁלוֹם בַּיִת הָאט אַנְדֶערֶע מוֹחִין". רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָאהְרְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאבְּן אִים חֲבֵרִים צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל פַארְקוֹיפְן זַיין וַוייבְּ'ס טִיכְל. דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוערְד אַסַאךְ גֶעלְט, עֶס הָאט גֶעהַאט אַרַיינְגֶענֵייט דֶערִין שֵׁיינֶע טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער וְכוּ', אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן גֶעלְט צוּ פָאהְרְן צוּם רֶבִּי'ן. אָבֶּער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט דָאס טוּן – וֶועט דָאס עֶרְגֶער מַאכְן דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי חֲבֵרִים. שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דִי חֲבֵרִים, עֶר הָאט נִישְׁט וֵוי גֶעטוּן זַיין וַוייבּ; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וָואלְט אִיךְ וֶוען פַארְקוֹיפְט אִיר טִיכְל וָואלְט גֶעוֶוען נָאכְדֶעם אַ גֶט – וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי'ן"; וַוייל דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגְקֵייט קֶען מֶען נָאר מְקַבֵּל זַיין מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מִיט אַ הֵיילִיגֶע מֹחַ, אוּן דָאס גֵייט נָאר אַז מֶען אִיז אַן אָדָם הַשָּׁלֵם.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בְּגִירְסָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

לֶערְן יֶעדְן טָאג דִי בְּלַאט גְמָרָא; דָאס זָאל זַיין בַּיי דִיר חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר. אֲפִילוּ נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בְּגִירְסָא, אוּן אֲפִילוּ אָן רַשִׁ"י אוּן אָן תּוֹסְפוֹת, נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער – דָאס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע שְׁרֶעק וָואס לוֹיפְט נָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס רֵייניגְט דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, בָּזֶה הָעוֹלָם אִיז אַ מֶענְטְשׁ אִין אַ

גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; מֵיין נִישְׁט אַז נָאר דִיר גֵייט שְׁוֶוער, יֶעדְן אֵיינֶעם פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס שְׁטַארְקְט זִיךְ, עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן פוּן אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס אַז אִיר פִירְט זִיךְ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן אִיר הַאלְט מִיט אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים, אוּן אִיר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר תְּהִלִּים זֶעכְצְן מָאל; וִוי אִיז דָא עֶפֶּעס שֶׁענֶערְס צוּ הֶערְן? אַ קִינְד פוּן צְוֶועלְף יָאר הָאט שׁוֹין דִי הַשָּׂגוֹת פוּן זָאגְן תְּהִלִּים. גֵייט וַוייטֶער אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג; זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל סֵפֶר תְּהִלִּים'ס צוּם מְנַהֵל הַמּוֹסָד נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאל דָאס אוֹיסְטֵיילְן פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת וָואס זָאגְן תְּהִלִּים.

בְּנוֹגֵעַ דִי פְרַאגֶע אוֹיבּ מֶען מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה; צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אַלֶץ רֶעדְן. דָּוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים מב, ט): "תְּפִלָּה לְקֵל חַיָּי" דַאוֶועֶנען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מַיין לֶעבְן, מַיין אָטֶעם; אַזוֹי וִוי אָטֶעמֶען אִיז נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק אַזוֹי אִיז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען אַלֶץ רֶעדְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעמְט אַרַיין אִין שְׁטוּב אַ פוּשְׁקֶע פוּן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים אוּן חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ הֶער צוּרִיק אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע גְרוֹסְן אוֹיף דִי בֵּית הַמֶדְרָשׁ, כִּמְעַט יֶעדְן טָאג בַּאקוּם אִיךְ אַ גוּטֶע גְרוּס פוּן אוּנְזֶער שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם; וואוּ מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען דַאוֶנְט, אוּן מֶען פִירְט זִיךְ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִינְגֶעלַייט זָאגְן מִיר, זֵיי קוּמֶען אִינְמִיטְן וָואךְ צוּ אַ שַׁחֲרִית, צוּ אַ מִנְחָה מַעֲרִיב, אָדֶער צוּם שִׁיעוּר גְמָרָא - דָאס גֶעבְּט זֵיי זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק אָנְצוּגֵיין מִיט זֵייעֶר עֲבוֹדוֹת הַשֵׁם.

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט נֶעמֶען אִין שְׁטוּב אַ פוּשְׁקֶע פוּן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, אוּן וֶוען דָאס וֶוערְט אָנְגֶעפִילְט זָאלְט אִיר דָאס בְּרֶענְגֶען צוּם מְנַהֵל הַמוֹסָד נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל נַחַת פוּן דִי יְשִׁיבָה קְטַנָּה אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ קֶען זֶען אוֹיף דִי קַאמֶערֶע ווִי זֵיי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען מִיט אַ חַיוּת. דִי וָואךְ הָאט אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה מְסַיֵים גֶעוֶוען נָאכְאַמָאל גַאנְץ תַּלְמוּד בַּבְלִי; וואוּ אִין דִי וֶועלְט הֶערְט מֶען אַזַא זַאךְ, אַ בָּחוּר פוּן דְרַייצְן יָאר זָאל מְסַיֵים זַיין שׁוֹין דִי צְוֵוייטֶע מָאל גַאנְץ שַׁ״ס; אִיךְ ווִיל כַאפְּן אַ פְלִיגֶער אוּן קוּמֶען צוּ דִי יְשִׁיבָה, צוּ דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵּיגָא.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט הֲפָצָה, שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט קוּקְן גוּט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אָנְטוּן אַ טִיכְל נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִיקִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אִיר הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט הוּנְדֶערְט מָאל גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן צב) תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ וָואקֶער; וֶוען אֵיינֶער קֶען נִישְׁט גֵיין חַס וְשָׁלוֹם, אָדֶער מֶען אִיז עֶלְטֶער אוּן מֶען וִויל נִישְׁט פַאלְן - כַאפְּט מֶען זִיךְ אָן אִין אַ וָואקֶער, אוֹיף אַ מִשְׁעֶנֶת; אַזוֹי אִיז תְּהִלִּים, אַז מֶען זָאגְט תְּהִלִּים פַאלְט מֶען נִישְׁט.

וואוֹיל אִיז אַייךְ כַּלָּה אַז אִיר גֵייט אָנְטוּן אַ טִיכְל נָאךְ דִי חֲתוּנָה. דִי צַדֶיקֶת אָדְל, דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב׳ס טָאכְטֶער - אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ טִיכְל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי׳ס מַאמֶע, דִי צַדֶיקֶת פֵיגֶא עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ טִיכְל. דֶער רֶבִּי׳ס וַוייבּ, דִי צַדֶיקֶת סָאשְׁיָא עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ טִיכְל. אוֹיךְ מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס מַאמֶע, מַלְכָּה עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם - אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ טִיכְל; זֵיי הָאבְּן אַלֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער צַדִיקִים.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ אַ בְּרָכָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ׳ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אִיסְטַאנְבּוּל אוֹיף פֶּסַח, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט, עֶר הָאט גֶעזֶען דָארְט אִינְגֶעלַייט מִיט זֵייעֶר הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט נְשָׁמוֹת פוּן תְּנָאִים; אַלְס צוּלִיבּ דִי צְנִיעוּת פוּן זֵייעֶרֶע מַאמֶעס, דִי פְרוֹיעֶן דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר אֵיידְל; זֶעט מֶען וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶנְדֶערְשׁ גֵיין הַפָּצָה, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען גְמָרָא?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע, וֶוען דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין צַייט - וָואס דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ טוּן, אָדֶער לֶערְנֶען גְמָרָא אָדֶער גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק?

גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז דָא צַייט פַאר בֵּיידֶע; עֶס אִיז דָא צַייט פַאר שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן צַייט פַאר הֲפָצָה, אוּן אַז דוּ זֶעסְט נִישְׁט אִין דַיין סֵדֶר הַיּוֹם צַייט פַאר בֵּיידֶע - זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ גֵיין הֲפָצָה; גְרֶעסֶערְס פוּן מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ אִיד מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן - אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען.

גֵיי הֲפָצָה - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ תִּיקּוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): ״תִּיקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחְזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה״, אַ תִּיקּוּן צוּ פַארֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - אִיז צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדְן טָאג וְויפִיל שָׁעָה דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, אוּן שְׁרַייבּ מִיר וֶוער עֶס הָאט דִיר גֶעזָאגְט - סַיי דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן סַיי דִי הִתְנַגְּדוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִקְוֶה וֶועט דִיךְ אוֹיסְהֵיילְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פָּנִים וְכוּ׳; זַיי נִזְהָר אִין גֵיין אִין מִקְוֶה, מִקְוֶה וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען אַלֶע פִּינְטְלֶעךְ אוּן שְׁפַּאלְטֶענֶעס פוּן פָּנִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קכג): ״טְבִילַת מִקְוֶה טוֹבָה מְאֹד לִבְרִיאוּת הַגּוּף״ זִיךְ טוֹבֵל׳ן

אִין מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ. "כִּי יֵשׁ נְקָבִים קְטַנִּים הַרְבֵּה בְּגוּפוֹ שֶׁל אָדָם" וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט קְלֵיינֶע לֶעכֶערְלֶעךְ אוֹיפְ'ן קֶערְפֶּער, "וְהֵם נִקְבֵי הַזֵּעָה" לֶעכֶערְלֶעךְ פַאר דִי שְׁוֵייס, "שֶׁדֶּרֶךְ שָׁם יוֹצֵא הַזֵּעָה מִן הָאָדָם" פוּן דִי לֶעכֶערְלֶעךְ גֵייט אַרוֹיס דִי שְׁוֵייס פוּנֶעם קֶערְפֶּער, "וְהֵם צְרִיכִין לִפָּתֵחַ" דָאס דַארְף זַיין אָפְן, "כִּי אִם נִסְתָּמִין נִקְבֵי הַזֵּעָה" אוּן אוֹיבּ דִי לֶעכֶערְלֶעךְ וֶוערְן פַארְשְׁטָאפְּט, "יוּכַל לֶחֱלֵשׁ וְלִפֹּל לְחֻלְשָׁה חַס וְשָׁלוֹם" קֶען מֶען וֶוערְן נִישְׁט גֶעזוּנְט חַס וְשָׁלוֹם, "וְעַל יְדֵי טְבִילָה בְּמַיִם נִפְתָּחִין נִקְבֵי הַזֵּעָה" אוּן דוּרְךְ זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה עֶפֶּענֶען זֵיי זִיךְ אוֹיף, "וְזֶה טוֹב מְאֹד לִבְרִיאוּת הַגּוּף" אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר גוּט פַארְ'ן גֶעזוּנְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, שִׂמְחָה הֵיילְט אוֹיס אַלֶעס. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, בֶּעט אִים:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן דִי קָאפּ בִּיז דִי פִּיס, אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט אוּן פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּזְכוּת הַשִּׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיינְס, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זֵייעֶר גוּט אַז אִיר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט הֶערְן דִי נֵייעֶס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט אַז אִיר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט הֶערְן דִי נֵייעֶס, אֲפִילוּ דִי חֲסִידִי״שֶׁע נֵייעֶס, וִוי קוֹל מְבַשֵּׂר אוּן דָאס גְלַייכְן, וַוייל נֵייעֶס דֶערְשְׁרֶעקְט, נֵייעֶס בְּרֶענְגְט זָארְג; עֶנְדֶערְשׁ הֶערְט אוֹיס שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים פוּן אֱמוּנָה, חִיזוּק אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

זֵייעֶר שֵׁיין צוּ הֶערְן אַז אַ יוּנְג קִינְד, אַ מֵיידְל פוּן פוּפְצֶן יָאר - זָאל זִיךְ אַזוֹי בַּאפְלַייסְן אִין זָאגְן תְּהִלִּים, אַז אִיר גֵייט יֶעצְט עֶנְדִיגְן דִי זֶעכְצִיגְסְטֶע מָאל תְּהִלִּים; זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט זָאגְן תְּהִלִּים, תְּהִלִּים וֶועט אַייךְ נִישְׁט לָאזְן פַאלְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; בְּלַייבְּט אִין שׁוּלֶע, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי יֶעצְט אַרוֹיסְצוּגֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן אִין שְׁטוּבּ אַנְדֶערְשׁ וִוי אִין מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַלֶע דַיינֶע טַעֲנוֹת אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף אוּנְזֶער חִינוּךְ.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואלְט גֶעוֶועְן דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אוּן נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דַיינֶע קִינְדֶער צוּ הֶערְן אִין שְׁטוּבּ אַנְדֶערְשׁ וִוי זֵיי הֶערְן אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל.

בְּנוֹסָף לָזֶה גֶעבּ אִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט וָואס מֶען טוּט מִיטְן אַרוּם רוּפְן מִשְׁפָּחוֹת אוּן רֶעדְן אוֹיף מִיר. דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ אִיז, אוֹיבּ מֶען הָאט הַנָאָה פוּן אַ פְּלַאץ - דֶעמָאלְט אִיז דָאךְ גוּט, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט הַנָאָה, מֶען הַאלְט אַנְדֶערְשׁ - דַארְף מֶען זִיךְ זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ.

אִיךְ קֶען דיר דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאב מִיטְגֶעהַאלְטְן יָארְן צוּרִיק. עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת מִיט טַעֲנוֹת צוּ מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיף מִיר, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זֵיי גֶע׳עֵצָה׳ט זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן. נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעוֶוען וָואס הָאבְּן גֶעהֶעצְט, דָאס הָאט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶעלָאזְט.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֶעב אִיבֶּער אִין שְׁטוּב מֶען זָאל דָאס נִישְׁט טוּן. אִיךְ בַּאקוּם בְּרִיוו פוּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס שְׁרַייבְּן אַז פוּן דִיר אִין שְׁטוּב רוּפְט מֶען אוּן מֶען רֶעדְט שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת קֶעגְן דִי חִינוּךְ בַּיי אוּנְז; שְׁוַואכֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן צֶעמִישְׁט אוּן דָאס מַאכְט נָאכְדֶעם נָאר חָרְבּוֹנוֹת.

אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז מֶען שִׁיקְט דִי קִינְדֶער צוּ מִיר אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוֹיב מֶען שִׁיקְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער צוּ מִיר, אוּנְזֶער חִינוּךְ אִיז אַנְדֶערְשׁ, נִישְׁט אַלֶע גְלַייכְן דָאס; מִיר רֶעדְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, מֶער וִוי מֶען רֶעדְט אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער. מִיר רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן תְּפִלָּה, אוֹיךְ גְרֵייטְן מִיר אָן דִי קִינְדֶער זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן מִיר רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים; מֶען קֶען נָאר זַיין אַ אִיד אוֹיב מֶען גְלֵייבְּט אוּן מֶען פָאלְגְט וָואס צַדִיקִים זָאגְן. אוֹיךְ רֶעדְן מִיר וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז, נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן פְרֶעמְדְס אוּן נִישְׁט זוּכְן אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נַארִישֶׁע זַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

...

## אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְהֶערְן לָשׁוֹן הָרָע, וֶועסְט אַרוֹיסְפַאלְן פוּן גַן עֵדֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

גֶעבּ אַכְטוּנְג עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן מִיט דִיר וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אָדָם הָרִאשׁוֹן. דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אָדָם

הָרִאשׁוֹן, אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין גַּן עֵדֶן, דָארְט הָאט עֶר גֶעהַאט אַלֶע זִיסְקֵייטְן אוּן אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן וָואס אִיז דָא פַאר צַדִּיקִים, אוּן אִין אֵיין מִינוּט הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט, עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן אוּן אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן גֶעוָוארְן פוּן גַּן עֵדֶן, וִוי אַזוֹי? עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס וָואס דֶער שְׁלַאנְג הָאט גֶערֶעדְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, מֶען פָּאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת; מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ - צוּבִּיסְלִיךְ עֶפֶענֶען זִיךְ דִי טוֹיעֶרְן פוּן גַּן עֵדֶן, מֶען וֶוערְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "כִּי זֶה עִקַּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא" דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא, "לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרַךְ" דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ" אוּן אַיינֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "שֶׁעַל יְדֵי זֶה סְמוּכִים וּקְרוֹבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ" אַזוֹי אִיז מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי כָל מַה שֶׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר, סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר" וַוייל וִוי מֶער מֶען אַיינֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אַלְץ נֶענְטֶער אִיז מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בִּיז דֶער שְׁלַאנְג קוּמְט אָן... מֶען הוֹיבְּט אָן הֶערְן לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, מֶען הֶערְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי מַיין הִתְקָרְבוּת; מֶען אִיז גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ מִיר לָשׁוֹן הָרָע, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט. אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט לֵיצָנוּת אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וַוייז מִיר דֶעם אֱמֶת, אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אִיךְ וִויל דִיךְ דִינֶען. דָא הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי וָואס בְּרֶענְגְט מִיךְ נָאנְט צוּ דִיר, אוּן יֶעצְט הֶער אִיךְ לָשׁוֹן הָרָע", אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וַוייל אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פַאר דִיר; יֶעצְט לֶעבְּסְטוּ אַ גוּט

לֶעבְּן, דוּ בִּיסְט פוּל מִיט חַיוּת; וָואס וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְהֶערְן לָשׁוֹן הָרָע? וֶועסְט אַרוֹיסְפַאלְן פוּן גַן עֵדֶן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי פְּרוּוֶען צַאמְקוּם, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוען דֶער זֵיידֶע שְׁרֵייט אָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן וֶועג, עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה: "קוֹרֵא אוֹתָהּ מְהַלֵּךְ, אוֹ עוֹמֵד" (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן סג, סְעִיף א), מֶען דַארְף אָבֶּער בְּלַייבְּן שְׁטֵיין וֶוען מֶען זָאגְט קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם אוּן בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק פוּן וְאָהַבְתָּ.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט גֶעשְׁוִויגְן וֶוען דַיין זֵיידֶע הָאט דִיךְ אָנְגֶעשְׁרִיגְן וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג טוּן; וֶוען אֵיינֶער שְׁרֵייט אוֹיף דִיר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן. אוּן אַז דֶער שְׁרֵייעֶר אִיז גָאר דֶער טַאטֶע אָדֶער זֵיידֶע - טָאר מֶען זִיכֶער נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, מֶען הֶערְט אוֹיס אוּן מֶען שְׁוַוייגְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי צַייט נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט אִין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט אִין לֶעבְּן, דוּ קֶענְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק; פוּן אֵיין זַייט הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט קַיין טִרְדוֹת פוּן פִירְן אַ שְׁטוּב, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאסְטוּ שׁוֹין אַ וַוייבּ וָואס הִיט דִיךְ, דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא עב:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים יט, י): "יִרְאַת ה' טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד', אָמַר רַבִּי חֲנִינָא זֶה הַלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה, מַאי הִיא נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְאַחַר כַּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה", אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה קֶען מֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן דִיר אוֹיס בִּדְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ'; גֶעבּ אַכְטוּנְג, רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן דְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ'. וֶוער עֶס קוּמְט דִיר פְרֶעגְן פְּרִיוַואטֶע פְרַאגֶעס וְכוּ', אֲפִילוּ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן.

אַנְטְלוֹיף פוּן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת. לֵיידֶער הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט דִי זַאכְן אִין בְּרֶסְלֶב, מֶען פַארְדְרֵייט אִינְגֶעלַייט, מֶען רֶעדְט אַיין אִינְגֶעלַייט מִיט חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת וָואס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה, דָאס אִיז גוֹרֵם מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת חֲמוּרוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִיקִים פַאר אַבְרֵכִים, אוֹיף דֶעם זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (נְדָרִים כ:) "דִמְצַיְּינֵי כְּמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דָאס אִיז אַ וֶועג פוּן מַלְאָכִים, אוּן מֶען פַסְקְ'נְט נִישְׁט אַזוֹי וְכוּ'.

וָואס דַארְף מֶען מֶער פוּן זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט לוֹיט וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט עַל פִּי תּוֹרָה אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵגָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס זֶענֶען בְּלוֹיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער

מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶׁעוֹשֶׂה", דָאס וָואס מֶען טְרַאכְט צִי מֶען אִיז יוֹצֵא דִי מִצְוָה וָואס מֶען טוּט - צִי נִישְׁט; מֶען אִיז מְדַקְדֵּק אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרַיינְטְרַאכְטְן: 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט יוֹצֵא, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ יָא יוֹצֵא?' דָאס אַלֶעס בְּרֶענְגְט דֶערְצוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן רַחֲמָנָא לִצְלַן. "כִּי בָּשָׂר וָדָם אִי אֶפְשָׁר לוֹ שֶׁיֵּצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת", וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵמוּת, "וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא וְכוּ'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זוּכְט נִישְׁט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוּנְז כַאפְּן אוּן אוֹיפְוַוייזְן אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט טוּן דִי מִצְוֹת, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר מֶענְטְשְׁן, "וְלֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", נִישְׁט פַאר קַיין מַלְאָכִים, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", אוּן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען אַלְץ מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשִׂין, וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט אוּן לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת, וַוייל דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶקְסֶערְסֵייז קֶען מֶען נָאר טוּן צְנִיעוּת'דִיגֶערְהֵייט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ- יוֹם ב' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הוֹיזְן פַאר אַ מֵיידְל אִיז פְּרִיצוּת אוּן דָאס זֶעלְבֶּע לֶעגִינְגְס; אֲפִילוּ בַּיים מַאכְן עֶקְסֶערְסֵייז טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין מִיט הוֹיזְן אוּן לֶעגִינְגְס.

דֶערִיבֶּער אוֹיבּ ווִיל מֶען מַאכְן בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵיגָא סְקוּל עֶקְסֶערְסַייז מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ - קֶען מֶען דָאס נָאר טוּן צְנִיעוּת'דִיגֶערְהֵייט, מֶען קֶען נִישְׁט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אָנְטוּן הוֹיזְן בַּיים מַאכְן עֶקְסֶערְסַייז.

אוֹיךְ זָאל מֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין סְקוּל מִיט לַאנְגֶע קְלֵיידֶער, מֶען קֶען מַאכְן עֶקְסֶערְסַייז מִיט דִי גֶעהֶעריגֶע קְלֵיידֶער מִיט וָואס מֶען קוּמְט, וד"ל.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם, דִי תַּלְמִידוֹת זָאלְן זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת וֶועגְן חֲנוּכָּה מַתָּנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רוּפְן אָן דִי מִצְוָה "חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת" (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א). רוּף דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ זֵיי - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

בְּנוֹגֵעַ חֲנוּכָּה מַתָּנוֹת וְכוּ'; מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת, אוּן אַז דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער נֶעמֶען צַאם גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ חֲנוּכָּה מַתָּנָה פַאר טַאטֶע אוּן מַאמֶע וְכוּ' - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן מַחֲלֹקֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...